אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וואכעדיגע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.






## אמרות שמשון

### פארבינדונג פון די צוויי ברכות 'וברך את לחמך' מיט 'והסרתי מחלה' | פת שחרית צושטערט אלע סארט קרענק - אויב מען עסט ריכטיג וועט נישט זיין קיין מחלות

**וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ (כג, כה):** מען קען ערקלערן פשט אין פסוק, פארוואס די תורה שרייבט די ברכה **וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ** נעבן די ברכה **וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ**. מיט וואס זענען די צוויי ברכות פארבינדן?

עס שטייט אין גמרא (מסכת ב"ק צב:), **מחלה זו מרה**. 'מחלה' באדייט 'מרה' (ביטער). פארוואס רופט עס די תורה אן מיטן נאמען 'מחלה', וויבאלד עס איז פארהאן 83 קרענק פון מרה, וואס דאס באַטרעפט 'מחלה' (83).

זעצט פאר די גמרא, **וכולם פת במלח שחרית וקיתון של מים מבטלתן**. דורכן עסן ברויט אינדערפרי און טרינקען וואסער, איז מען מבטל די אלע קרענק. קומט אויס לויט די גמרא, מיט דעם וואס א מענטש עסט און טרינקט ריכטיג ווערט ער געראטעוועט פון די אלע מחלות.

מיט דעם קען מען פארשטיין ביי אונז אין פסוק, **וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ** - דאס עסן וועט זיין געבענטשט, מען וועט קענען עסן ריכטיג. ממילא וועט נישט זיין קיין קרענק און עס וועט ערפילט ווערן די ברכה, **וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ**.

(פרשתינו אות ט')

### בני חיי ומזוני ווענד זיך נישט אין זכותים | דער אויבערשטער לייגט אריין ברכה אינעם מזל | מזל פון האבן קינדער טוישט זיך בזכותא דא"י | דער אויבערשטער באצאלט מדה כנגד מדה | דער וואס וואוינט אין א"י פארמאגט השראת השכינה

**וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ לֹא תִהְיֶה מְשַׁכֵּלָה וַעֲקָרָה בְּאַרְצֶךָ אֶת מִסְפַּר יָמֶיךָ אֲמַלֵּא (כג, כה - כז):** און די פסוקים געפונען מיר א ספעציעלע ברכה און צוזאג וואס דער אויבערשטער פארזיכערט פאר אלע וואס וועלן אים דינען און מקיים זיין מצות. זיי וועלן געבענטשט ווערן מיט בני חיי ומזוני, און נישט וויסן פון קיין צרות און קרענק.

די גמרא (מועד קטן דף כח.), ברענגט אראפ די פאלגענדע מימרא: **אמר רבא, חיי בני ומזוני לא בזכותא תליא אלא במזלא תליא מילתא**. רבא זאגט, 'בני חיי ומזוני' ווענד זיך נישט אויף 'זכותים' וואס א מענטש פארמאגט, נאר אויף זיין 'מזל'.

'תוספות' (שבת קנו. ד"ה אין) לייגט צו, טראץ וואס עס ווענד זיך אויף די מזל פון א מענטש, אבער מיט גאר גרויסע זכותים קען זיך די מזל איבערקערן צום גוטן.

שטעלט זיך די קשיא, פון די פסוקים ביי אונז אין פרשה זעט מען, אז עס ווענד זיך אין די 'זכותים' וואס א מענטש פארמאגט, לויט וויפיל ער טוט דעם רצון ה'. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, **וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וגו'**. אויב אזוי פארוואס זאגט רבא אז דאס ווענד זיך אין דאס 'מזל' פונעם מענטש?

אויך זעט מען פון די פסוקים, אז מען דארף נישט האבן גאר גרויסע זכותים צו ענדערן א מזל צום גוטן, נאר דאס אליינס אז מען טוט די רצון ה', ברענגט צו מען זאל האבן אלע גוטע השפעות.

❖❖❖

מען קען דאס פארענטפערן, עס איז טאקע ריכטיג אז 'בני חיי ומזוני' ווענד זיך אינעם מזל, (און צוגלייך וועט זיך די מזל נאר טוישן אויב מען האט גאר גרויסע זכותים). אבער דער אויבערשטער געבט א צוזאָג פאר כלל ישראל, אז עס וועט אריינגיין א ברכה אין די מזל.

צום בייַשפּיל: אויב איינער האט א מזל פון האבן 'פרנסה בצומצם'. וועט דער אויבערשטער אריינלייגן א ברכה אין דאס ביסל פרנסה וואס ער האט. עס וועט זיין גענוג, - 'אוכל קמעא ומתברך במיעיו' - ער וועט עסן ווייניג, און דאס ביסל עסן וועט געבענטשט ווערן, ער זאל זיך קענען באַנוגענען מיט דעם.

מען קען דאס פארטייטשן אין פסוק, **וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ**, דאס ברויט זעלבסט וועט געבענטשט ווערן, און דאס ביסל וואס ער עסט וועט זיין גענוג.

דאס זעלבע איז מיט 'חיי'. די ברכה וועט בלויז העלפן, אז מען וועט נישט אראפ נעמען פון זיינע יארן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **אֶת מִסְפַּר יָמֶיךָ אֲמַלֵּא**, דער אויבערשטער וועט ערגענצן זיינע יארן, מ'וועט גארנישט אראפנעמען פון זיינע סומע יארן. (ועיי"ש בדברי רבינו מה שמרחיב בזה, ע"פ דברי חז"ל ביבמות דף נ' ע"א).

**אבער** דאס קען מען נאר זאגן ביי 'חיי און מזוני', וואס מען קען פארשטיין אז דאס מזל וועט זיך נישט טוישן, נאר עס וועט אריינקומען א ברכה אין דאס מזל פונעם מענטש.

אבער ביי 'בני' שטייט אין פסוק, **לֹא תִהְיֶה מְשַׁכֵּלָה וַעֲקָרָה בְּאַרְצֶךָ**, וואס באדייט אז דאס מזל וועט גענצליך געטוישט ווערן, עס וועט נישט זיין צו געפונען אזעלכע סארט אין כלל ישראל.

דאס שטימט נישט מיטן אויבנדערמאנטע פשט, אז דער אויבערשטער וועט נאר אריינלייגן א ברכה אין די מזל, אבער צו טוישן א מזל מוז מען האבן גאר גרויסע זכותים.

**מען** קען דאס פארענטפערן, לויט ווי די פסוק איז מדייק, **לֹא תִהְיֶה מְשַׁכֵּלָה וַעֲקָרָה 'בְּאַרְצֶךָ'**, די פסוק דריקט די ווערטער 'בארצך', אז די הבטחה וואס דער אויבערשטער האט צוגעזאגט אז עס וועט נישט זיין קיין 'עקרה' און 'משכלה', דאס וועט נאר זיין 'בארצך' - ווען מ'וועט אנקומען אין ארץ ישראל.

אזוי ווי מיר געפונען אין חז"ל (ראש השנה טז:), אברהם אבינו איז געהאלפן געווארן מיט קינדער מיטן זכות פון ארץ ישראל (עיי"ש). דערפאר איז די תורה מדייק 'בארצך', טוישן דאס מזל אז מען זאל קענען האבן קינדער, וועט נאר זיין 'בזכותא דארץ ישראל'.

❖❖❖

לויט דעם דארף מען פארשטיין, אויב 'זכותא דארץ ישראל' איז אזוי גרויס, עס קען טוישן דאס מזל צו האבן קינדער, אויב אזוי זאל דאס אויך העלפן צו טוישן דאס מזל פון 'חיי' און 'ומזוני', עס זאל נישט זיין בלויז א ברכה אין די מזל, נאר עס זאל אויך גענצליך טוישן די מזל וואס מען האט. מיט וואס איז 'בני' אנדערש?

עס שטייט אין גמרא (כתובות קי:), **כל הדר בארץ דומה כמי שיש לו אלוה, וכל הדר בחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלוה**. דער וואס וואוינט אין ארץ ישראל איז גלייך ווי ער האט א באשעפער. דער וואס וואוינט אין חוץ לארץ איז גלייך ווי ער האט נישט קיין באשעפער, און איז כאילו ער דינט עבודה זרה (רש"י). אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ויקרא כה, לח), **לָתֵת לָכֶם אֶת אֶרֶץ כְּנַעַן, לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹקִים**.

די גמרא זאגט (יבמות סד.), **כל מי שאינו עוסק בפריה ורביה, גורם לשכינה שתסתלק מישראל**. דער וואס האט נישט חתונה און ברענגט נישט קיין קינדער אויפן וועלט, ברענגט צו אז דער שכינה זאל זיך אפטון פון די וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית יז, ז), **לִהְיוֹת לְךָ לֵאלֹקִים, וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ**. דרש'ענט די גמרא, אויב איז דא קינדער, רוט דער שכינה, אויב איז נישטא קיין קינדער האט נישט דער שכינה ווי צו רוען.

קומט אויס לויט דעם, דער וואס וואוינט אין ארץ ישראל, וואוינט דארט כדי ער זאל האבן השראת השכינה (כל הדר בארץ דומה וכו'), און אויב ער האט נישט קיין קינדער דאן קען נישט די שכינה רוען (ווי עס שטייט אין די אויבנדערמאנטע גמרא).

מיט דעם פארשטייט מען פארוואס דאס מזל פון 'בני' ווערט גענצליך געטוישט בזכותא דארץ ישראל. ווייל דער באשעפער באצאלט א מענטש 'מדה כנגד מדה' (סנהדרין צ.), און וויבאלד ער איז געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל כדי צו האבן 'השראת השכינה'. דעריבער מוז מען אים טוישן זיין מזל כדי ער זאל קענען האבן קינדער, און די שכינה זאל קענען רוען אויף אים.

אבער אויף 'חיי' און 'מזוני' איז נישט פארהאן די אויבנדערמאנטע חשבון, דעריבער איז 'זכותא דארץ ישראל' נישט גענוג צו קענען טוישן דאס מזל.

(פרשתינו אות ט')

הוצאת הגליון והפצתו להצלחת צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

# מחצית השקל

## דער אויבערשטער ווייזט א 'מטבע של אש' | פון אונטער דאס כסא הכבוד | דער אויבערשטער פארצייעט אויפן חטא העגל | פייער וואס פארברענט פייער

**זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעֹבֵר עַל הַפְּקֻדִים מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ עֶשְׂרִים גֵּרָה הַשֶּׁקֶל מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל תְּרוּמָה לַה' (ל, ג):** עס שטייט אין ירושלמי (שקלים פרק א' הלכה ד'): **אמר רבי מאיר, כמין מטבע של אש הוציא הקב"ה מתחת כסא כבודו, והראהו למשה ואמר לו זה יתנו כזה יתנו.** דער אויבערשטער האט ארויסגענומען פאר משה רבינו א מטבע פון פייער פון אונטער דאס כסא הכבוד, און געוויזן ווי אזוי די מחצית השקל דארף אויסזען.

דארף מען פארשטיין, פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט ווייזן א מטבע פון 'פייער'? און פארוואס האט דער אויבערשטער געוויזן די מטבע של אש דוקא פון 'אונטער' דאס כסא הכבוד?

קען מען ענטפערן, דער ארט אונטערן כסא הכבוד איז א ספעציעלע ארט וואס איז געאייניגט פאר בעלי תשובה. אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (אליהו זוטא פרק כ"ב), אויפן פסוק (יחזקאל א, ח), **וִידֵי אָדָם מִתַּחַת כַּנְפֵיהֶם**, דאס גייט ארויף אויף בעלי תשובה, וואס זייער ארט איז באשטימט אונטערן כסא הכבוד.

דער אויבערשטער האט געוואלט ווייזן מיט'ן 'מחצית השקל', אז דאס וועט זיין א פארצייאונג פאר כלל ישראל אויפן חטא העגל. דערפאר האט דער אויבערשטער געוויזן א מטבע של 'אש' וואס איז מרמז אויף מדת הגבורה, אז די מחצית השקל וועט זיך מתגבר זיין אויפן מדת הדין און אויף די מקטרגים, און די תשובה וועט אנקומען ביז אונטער די כסא הכבוד (וואס דארט איז די ארט פאר בעלי תשובה) און דער מדת הדין וועט נישט קענען אפהאלטן די תשובה פון אנגענומען ווערן.

❖❖❖

**נאך א תירוץ** קען מען ענטפערן, עס שטייט אין חז"ל, די לוחות זענען געקומען פון אונטער די כסא הכבוד. אויך שטייט אין חז"ל אז די נשמות פון כלל ישראל קומען פון אונטער די כסא הכבוד. און אויב די נשמה איז זוכה נישט צו פוגם זיין אויף די וועלט, קערט זי זיך צוריק אונטערן כסא הכבוד, און אויף דעם שטייט אין פסוק (תהלים יט, ח), **תּוֹרַת יְיָ תְּמִימָה 'מְשִׁיבַת נָפֶשׁ'**.

אבער אויב חס ושלום ווען די נשמה קומט אראפ אויף די וועלט ווערט זי פארשמירט מיט עבירות, איז דער תיקון צו רייניגן די נשמה, דורכדעם וואס מען איז מקריב קרבנות פארן באשעפער, וואס דאס פייער פונעם מזבח טוט פארברענען דער פייער פון דער יצר הרע וואס מאכט א מענטש זאל זינדיגן.

דעריבער ווערט דער פייער פון קרבנות אנגערופן אין חז"ל (יומא כב:), '**אש אוכלת אש**'. פייער וואס פארברענט פייער. דאס הייסט, דאס פייער פונעם מזבח פארברענט דער פייער פון דער יצר הרע.

מיט דעם פארשטייט מען, פארוואס דער אויבערשטער האט געוויזן די 'מטבע של אש' דוקא פון אונטער דאס כסא הכבוד.

וויבאלד מערסטנס געלט וואס כלל ישראל האט געגעבן פאר מחצית השקל איז גענוצט געווארן פאר קרבנות. מיט דעם האט דער אויבערשטער געוואלט צייגן פאר כלל ישראל, אז די כפרה פארן 'חטא העגל' וועט זיין דורכ'ן געבן 'מחצית השקל', וואס מיט מחצית השקל וועט מען מקריב זיין קרבנות אויפן מזבח, און דער אש המזבח וועט פארברענען דער פייער פונעם יצר הרע, אזוי ארום וועלן די נשמות פון כלל ישראל זיך צוריק קערן צו זייער שורש, צו אונטער די כסא הכבוד.

(פרשת כי תשא אות א')

## טעם אין מחצית השקל | מחצית השקל איז ווערד צען מעה | חטאת איז ווערד א מעה

**זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעֹבֵר עַל הַפְּקֻדִים מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ עֶשְׂרִים גֵּרָה הַשֶּׁקֶל מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל תְּרוּמָה לַה' (שמות ל, ג):** די ווערד פון א מחצית השקל איז צען מעה. און עס שטייט אין משנה (שקלים פ"ב מ"ד), א קרבן חטאת האט נישט קיין באַשטימטע פרייז וויפיל עס דארף קאָסטן.

די מפרשים (הרע"ב) זענען מסביר דער טעם פארוואס עס האט נישט קיין באשטימטע פרייז, וויבאלד אין די תורה ווערט נישט ארויסגעשריבן גענוי די סומע וויפיל א קרבן חטאת דארף זיין ווערד, דעריבער קען מען ברענגען אפילו א ביליגע חטאת וואס איז ווערד בלויז איין 'מעה'.

קומט אויס פון דעם, אז דאס ביליגסטע חטאת וואס מען קען קויפן איז ווערד צום ווייניגסטנס איין מעה.

לויט דעם קען מען פארשטיין פארוואס דער אויבערשטער האט באפוילן צו ברענגען א 'מחצית השקל', וויבאלד א מחצית השקל איז ווערד צען מעה. און מיט דעם קען מען קויפן 'צען' קרבנות חטאות, וואס דאס זאל קומען פארצייען אויף די 'עשרת הדברות' וואס כלל ישראל האט פוגם געווען ווען זיי האבן געזינדיגט מיטן חטא העגל.

(פרשת כי תשא אות א')

## מען דארף ברענגען דוקא א האלבע שקל | די עבירה איז געווען בלויז האלב | עבודה זרה בשיתוף

**זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעֹבֵר עַל הַפְּקֻדִים מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ עֶשְׂרִים גֵּרָה הַשֶּׁקֶל מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל תְּרוּמָה לַה' (שמות ל, יג):** פארוואס האט דער אויבערשטער באפוילן צו ברענגען דוקא א האַלבע שקל און נישט קיין גאַנצע?

מען קען דאס ערקלערן, וויבאלד די מחצית השקל איז געקומען צו פארצייען אויפן חטא העגל. און דאס 'מחצית השקל' קומט מרמז זיין אז די זינד וואס כלל ישראל האבן געזינדיגט איז נישט געווען קיין גאנצע, ווייל אין אָנפאַנג ווען כלל ישראל האט געזען אז משה רבינו טוט זיך פאַרזוימען אויפן באַרג האבן זיי געמיינט אז משה רבינו איז נפטר געווארן, דעריבער ווערט די עבירה פאררעכנט אלץ א שוגג.

אבער שפעטער ווען זיי האבן געמאכט די עגל, און זיך געפריידט מיט דעם און געטאנצן ארום די עגל, ווערט דאס פאררעכנט ווי א מזיד.

דעריבער האט דער אויבערשטער באפוילן מען זאל ברענגען נאר א מחצית השקל - א האלבע שקל, צו פארצייען אויפן חטא העגל, וויבאלד זייער זינד איז אויך נאר געווען האלב.

❖❖❖

**נאך א טעם** קען מען זאגן, די עבירה וואס כלל ישראל האט געזינדיגט מיטן חטא העגל איז נישט געווען גענצליך צו לייקענען ח"ו אינעם באשעפער, נאר עס איז געווען 'עבודה זרה בשותף' (כביכול אז דער אויבערשטער האט נאך איינער וואס העלפט אים ארויס, ח"ו).

די גמרא (סנהדרין דף סג.), ברענגט א מחלוקת '**המשתף שם שמים ודבר אחר**' אויב איינער פָארט צוזאם דער אויבערשטער מיט נאך איינעם, איז א מחלוקת אויב דאס הייסט עבודה זרה.

קומט אויס די עבירה וואס כלל ישראל האט געזינדיגטביים חטא העגל איז א מחלוקת אויב דאס איז געווען עבודה זרה אדער נישט. דעריבער האט דער אויבערשטער באפוילן מען זאל ברענגען א האלבע שקל, וואס טוט צייגן אז נאר לויט איין שיטה האט מען עובר געווען אויף עבודה זרה, און לויט דעם דארף מען א כפרה.

(פרשת כי תשא אות א')

הופיע




ניתן להשיג בחנויות הספרים בארץ ישראל ובארה"ב ובלונדון
לפרטים ארץ ישראל 05271-66450
ארה"ב 347-496-5657

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילבערבערג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204 mbpaskesz@gmail.com

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו